# ערד־ציטערניש

שירי שאַפּיראַ

אין איין נאַכט אין חודש אָקטאָבער, אין דעם וואַרעמען ירושלימער ווינצימער פֿון דער משפּחה לעווקאָוויטש האָבן זיך אַלע בילדעררעמען צעשמעטערט. אונטערוועגנס צו דער פּאָדלאָגע האָבן אַלע צוועלף לעווקאָ-וויטשעס געהאַלטן זייערע ברייטע, פֿאַרקרימטע שמייכלען. די עלטערע האָבן געשמייכלט מיט קרומע ציין, און די יונגע - מיט אַלע מינים ציין – קליינע מילכציין, גרויסע ציין הינטער גלאַנצנדיקע ציינדרעטלעך, אָדער גלײַכע, בעזש־געלע ציין – אין מיטן פֿון בלײַכע, פּוישיקע פּנימער.

אַזוי פֿיל ירושלימער לעווקאָוויטשעס, אַזש צוועלף בני־בית, זענען דאָך ניטאָ אויף דער גאָרער וועלט. אין דער אמתן זײַנען זיי געווען ניט מער ווי פֿיר, אָבער יעדער לעווקאָוויטש האָט זיך געכּפּלט עטלעכע מאָל אין די פֿאָטאָגראַפֿיעס. דער יונגער דור האָט זיך געיאַוועט נאָך אַ מאָל און ווידער אַ מאָל אין ווײַסע בײַקאָלירן פֿון הויט און עמאַל, דאָקומענטירט בײַם פֿאַרענ-דיקן די העכסטע מדרגה פֿון קינדער־גאָרטן, שטיין לעבן עפּעס אַ מאָנומענט אין אייראָפּע, טראָגן אַרמיי־אוניפֿאָרמען און האָבן חתונה.

אין דער פֿרי זענען די צוועלף לעווקאָוויטשעס נאָך אַלץ געווען צעשפּרייט ליגנדיקערהייט, קרום שמייכלענדיקערהייט אויף דער פּאָדלאָגע, אַרומגע-רינגלט מיט הונדערטער שערבעלעך, וואָס האָבן געבלישטשעט אין די האַרבע שטראַלן פֿון דער האַרבסטיקער זון. נאָר יענע לעווקאָוויטשעס, וואָס זײַנען געווען אין בעט בשעת דעם ערד־ציטערניש, האָבן נאָך אַלץ געשלאָפֿן אַן אומגעשטערטן און טעמפּן שלאָף, און געחלומט וועגן צעבראָכענע ציין.

*

מאַן און פֿרוי זײַנען זיי געווען, ווי געוויינטלעך. גרויס און קליין, אויף אַ באַקוועמען אופֿן. זײַן זײַט פֿון בעט איז טיפֿער געזונקען אין משך פֿון צענדליקער יאָרן צוזאַמען. זי, די קליינע, האָט געמאַכט נאָר אַ גריבעלע אינעם אַלטן מאַטראַץ, וואָס האָט געשמעקט מיט אַ פֿאַרביסענעם ריח פֿון

צוואָרעך. צו ביסלעך איז די דירה געוואָרן צו גרויס פֿאַר די צוויי, און פּלוצעם איז קענטיק געוואָרן די גרויסע דיסטאַנץ פֿונעם אָפּענעם עסצימער צום אָפּענעם וווינצימער, וואָס איז ניט געווען אָפּגעזונדערט פֿונעם באַלקאָן. דער באַלקאָן איז מיט צען יאָר פֿריִער פֿאַרמאַכט געוואָרן מיט לאָדנס און בעטאָן, כּדי צו מאַכן די דירה גרעסער און די וועלט אין דרויסן - קלענער.

דליה לעווקאָוויטשס פֿיס זײַנען געוואָרן כּמעט צו שוואַך פֿאַר אַזאַ דיסטאַנץ, און בני לעווקאָוויטשעס בויך איז פֿאַמעלעך געוואָרן צו שווער צו טראָגן פֿון איין צעשפּרייטנדיקן צימער צום צווייטן. די גרענעצן צווישן די צימערן זײַנען געוואָרן מטושטש, כאָטש וואָגיקער. אַלע פֿיר פֿיס האָבן זיך אַרומגעדרייט צווישן די מעבל, ניט־וויסנדיק ווי אַזוי צו רופֿן דאָס אָרט, ווו זיי געפֿינען זיך, וואַקלדיק און הינקענדיק, ווי אַ שפּין, וואָס האָט פֿאַרלאָרן פֿיר פֿון אירע אַכט פֿיס.

*

צום גליק, אין יענעם פֿרימאָרגן, וואָס האָט זיך געשטופּט כּמעט ביז מיטאָג, האָבן יענע פֿיס געטראָגן פֿאַנטאָפֿל. לכתּחילה האָט דליה געשפּירט אַ ווייך צעשמעטערן צווישן זיך און דעם דיל. זי האָט זיך געפֿילט ווי מע וואָלט געטרעטן אויף די צעזייטע קערנדלעך זאַמד פֿון בעטאָן־פּראָמענאַד לעבן תּל־אָבֿיבֿער ברעג ים – אַזוי לאַנג איז עס געווען, זינט דאָס לעצטע מאָל, אַז זי און בני זענען געווען אין תּל־אָבֿיבֿ, אפֿשר כּדי צו טרעפֿן זיך מיט אַן אַדוואָקאַט אָדער מיט אַ ספּעציאַליסט אין איכילאָוו. און דערנאָך האָבן זיי ניט געהאַט קיין כּוח אויף אַ שפּאַציר.

דליה האָט גאָר ניט ניט געזען. די מעבל האָבן זיך געיאַוועט פֿאַר אירע אויגן נאָר ווי גרויסע פֿלעקן פֿון ברוינעם קאָליר בשעת זי האָט פֿאַרגעסן צו זוכן אירע ברילן. פֿאַרזונקען אין געדאַנקען וועגן דעם לאַנגן פּראָמענאַד, ווו זי איז זיכער אַ מאָל געגאַנגען – נאָר ווען? – אונטער דער זון, קוקנדיק מאָדנע אויף יונגע מענטשן אין אויסדערוויילטע בגדי־דלות, האָט זי כּמעט ניט געהערט, אַז בני איז שוין אויך אַרויס פֿון שלאָפֿצימער.

וואָס איז געשען? - האָט ער געוואָלט זאָגן, נאָר באַווייזן זיך אַרויסצוכאַפּן בלויז מיט אַ שוואַכן "מה...?". דער גאַנצער עולם זשוקעלעך, וואָס האָבן געקענט הערן אַפֿילו בעסער ווי דליה אין דער פֿרי אָן איר הערערל, וואָלטן אָפּגעטרעפֿט, אַז אפֿשר וויל ער זאָגן "מה־טובֿ" לכּבֿוד דער זון, וואָס האָט געשײַנט דורך די אָפֿענע לאָדנס, אפֿשר פֿרעגן "מה־רעש?", ווײַל גלאָז איז גוט

סײַ אין בילדעררעמען סײַ אין שערבעלעך, אָדער צעזינגען זיך אַ מה־יפֿית־לידל צו זײַן ווײַב, כאָטש אין דער אמתן וואָלט בני גיכער אויסגערופֿן "מה פשעי?!" אין אָנבליק פֿון תּוהו־ובֿוהו, אָדער פּשוט געזאָגט, מיט ווערטער ייִאושדיק געשלונגען, "מה אָנו ומה חיינו", אָן דערוואַרטן אויף אַן ענטפֿער פֿון זיך, פֿונעם ווײַב אָדער גאָר פֿון בית־דין־של־מעלה.

*

לכתּחילה האָבן זיי געמיינט, אַז בײַנאַכט האָבן גנבֿים זיך אַרײַנגעבראָכן אין דער דירה. אפֿשר האָבן די גנבֿים געזוכט אין די בילדעררעמען אַ שליסל פֿאַר אַן אײַזערנער קאַסע. דאָס וואָלט דערקלערט, פֿאַר וואָס זײַנען אויך אַלע איילבילדער פֿון געוועזענער ירושלימער נאַטור אַראָפּ פֿון די ווענט. זיי האָבן געזוכט אין קליידערשאַנק, ווו זיי פֿלעגן באַהאַלטן אַ פּאָר בינטלעך מזומנים – סײַ שקלים סײַ אײראָ – און האָבן דערזען, אַז אַלץ איז נאָך אײַנגעאָרדנט בשלום צווישן די פּיזשאַמעס. דאָס האָט זיי ניט באַרויִקט, נאָר ערגער צעמישט.

דערנאָך האָבן זיי באַשלאָסן זיך מישבֿ צו זײַן מיט אַ גלאָז טיי, און געפֿונען זייער פּאָרצעלײַ־סערוויז האַלב צעבראָכן אין קיכשאַפֿע. דער סערוויז, וואָס זיי האָבן באַקומען ווי אַ מתּנה פֿון אַן אַלטער מומע אויף זייער חתן־כּלהשאַפֿט, איז ניט געווען קיין מציאה אויף פֿאַר אַ פֿאַרצווייפֿלטן גנבֿ, און זיי האָבן עס געוווּסט. דליה האָט אַ לעצטן קוק געטאָן אויף די ווײַסע שערבעלעך אין שאַפֿע און געשאָקלט מיטן קאָפּ, כּלומרשט אויף ניין, נאָר ניט בכּיוונדיק. איר קאָפּ האָט זיך אָפּט געשאָקלט אויף ניין, ווען זי איז געווען מיד, צוליב אַ נעוראָלאָגישער קרענק.

בײַם טיש אין עסצימער האָבן זיי געטרונקען שטילערהייט, לאָזנדיק עטלעכע אומבאַמערקטע קיכעלעך־קרישקעס, און באַלד איז אָנגעקומען אַ מנין מוראַשקעס זיי צונויפֿצוקלײַבן. דליה האָט די מוראַשקעס ניט געזען אויך מיט אירע ברילן, וועלכע זי האָט געפֿונען צום סוף אין וואַשצימער, לעבן דעם גלאָז מיט די צוויי ציינבערשטעלעך, וואָס האָט זיך ניט צעשמעטערט על־פּי נס. די ברילן זײַנען געבליבן ברוך־השם בשלמותדיק, אָבער נאָך אַלץ ניט געטויגט צו פֿאַרריכטן איר שוואַכער ראיה. אויך בני האָט ניט געזען די מוראַשקעס, כאָטש ער האָט געהאַט זײַן אייגן פּאָר ברילן. זײַנע ברילן האָט ער כּסדר איבערגעלאָזט אויפֿן נאַכטטישל און ניט געטראָגן פּרינציפּיעל, ווי אויף צו להכעיס זײַנע אויגן.

*

זיי האָבן געעפֿנט דעם ראַדיאָ פֿאַר די צוועלף אַ זייגער־נײַעס, געהערט די לעצטע קלאַנגען פֿון עפּעס אַ באַקאַנט, מילד שטיקל קלאַסישע מוזיק און דערנאָך די אויפֿטרייסלענדיקע, מונטער־ערנסטע נײַעס־מעלאָדיע, דער נײַעס־דיקטאָר באַגריסט די צוהערערס אויף ריינעם העבֿרעיִש מיט אַ זעלטן געוואָרענעם ר״ש, און די ווערטער ״והרי החדשות״. בני און דליה, ווי אַלע דורות לעווקאָוויטשעס, האָבן קיין מאָל ניט דערוואַרט, אַז די נײַעס וועלן האָבן עפּעס צו טאָן מיט זיי. זייער שייכות צו פּאָליטיק און געשיכטע איז געווען אַלע מאָל אַ זײַטיקע, אינעם בעסטן מעגלעכן זינען. זיי האָבן געוווּסט, אַז זיי שטיין אויפֿן זיכערן גרענעץ צווישן די סאַמע שוואַכע, וואָס זײַנען געשטאָרבן צוליב נישטיקייט ווי אונטער אַ שטיוול, און די סאַמע חשובֿע, וואָס ווערן אָפֿט דערהרגעט צוליב זייער השפּעה.

און אויך דאָס מאָל, ווען די צוויי לעווקאָוויטשעס בײַם עסטיש האָבן געהערט וועגן דעם גרעסטן ערד־ציטערניש אין ירושלים זינט 1927, האָבן זיי געוווּסט, אַז כאָטש זיי זײַנען אין סאַמע צענטער פֿון רעש, איז דאָס אַלץ זיי קוים נוגע. אַ גרויסע פֿאַרלײַכטערונג האָט זיי אַרומגעכאַפּט, ניט נאָר ווײַל ס'איז קלאָר געוואָרן, אַז קיין גנבֿ איז זיך ניט אַרײַנגעבראָכן אין דער דירה, נאָר אויך ווײַל זיי האָבן זיך דערוווּסט, אַז אַ קאַטאַסטראָפֿע איז שוין געשען ממש אונטער די פֿיס און זיי זײַנען געבליבן כּמעט אומבאַרירט. נאָך די נײַעס האָבן זיי גענומען אויסקערן די גלאָז־שערבעלעך.

*

זייער בנין איז רעמאָנטירט געוואָרן מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, און ספּעציעל פֿאַרשטאַרקט געוואָרן קעגן דעם ערד־ציטערניש, וואָס מע האָט פֿאָרויס-געזאָגט פֿאַר די קומענדיקע פֿופֿציק יאָר אַן ערך. דעמאָלט איז עס געווען אַ גרויס צוטשעפּעניש פֿאַר זיי, דאָס הייסט, דער רעמאָנט. דער בנין האָט געציטערט יעדן טאָג פֿון זיבן אַ זייגער אין דער פֿרי ביז פֿינף נאָך מיטאָג, די בויאַרבעטערס האָבן געעקבערט און געטראַסקעט און געשריִען, און בני מיט דליה האָט דאָס געצווווּנגען צו כּלערליי אַקטיוויטעטן אין דרויסן, אַ צוזאַמענטרעף אינעם קלוב פֿאַר עלטערע אינעם ראַיאָנישן קהילה־צענטער, אַ פֿילם בײַטאָג, פֿאַרברענגען אַ גאַנצן פֿרימאָרגן אין קאַפֿע, באַקלאָגן זיך אויף די הויכע פּרײַזן און לייענען צײַטונגען. דערווײַל האָט מען פֿאַרביטן די

קאַנאַליזאַציע, און פֿון אָפּענעם אָפּגאַנג זײַנען אַרויסגעקראָכן גרויסע טאַראַקאַנעס, דערגאַנגען ביז צו דער דירה פֿון די לעווקאָוויטשעס און דאָרטן נתרבה געוואָרן ווי אין פּסוק שטייט. דליה און בני האָבן פֿאַרבעטן אַ שרצים־טרײַבער, און ער האָט זיי פֿאַרטריבן בשעת דאָס פּאָרפֿאָלק איז געפֿאָרן אויפֿן צפֿון אויף וואַקאַציעס.

איצט האָבן זיי געכאַפּט, אַז ניט אומזיסט האָט מען געליטן יסורים. זייער היים איז געבליבן גאַנץ, אינאײנעם מיט דער גאַנצן געגנט, ווו אַלע בנינים זײַנען לעצטנס רעמאָנטירט געוואָרן. בני האָט אַרויסגעצויגן אַ לעצטע קיכעלע־קרישקע פֿון די ציין און כּמעט געזאָגט מודה־אַני, כאָטש עס איז שוין געווען מיטאָג, און ער האָט ניט געקענט מער ווי די ערשטע צוויי ווערטער.

*

די קינדער האָבן טעלעפֿאָנירט שוין עטלעכע מאָל אין דער פֿרי. נועה האָט ערשטנס געפּרוּווט די סטאַציאָנאַרע ליניע, וואָס דליה האָט כּסדר אָפּגעבונדן איידער לייגן זיך אין בעט אַרײַן. דאָס איז געווען אַ מין אַלטע זאַבאָבאַנע פֿון דליהן, וואָס זי האָט אַנטוויקלט אין די קינדער־יאָרן, נאָך דעם ווי אַ קלינגען בײַנאַכט האָט אָנגעזאָגט דעם טויט פֿון איר טאַטן אין דער זעקס־טאָגיקער מלחמה. צווייטנס, האָט נועה געפּרוּווט טעלעפֿאָנירן אויף טאַטע־מאַמעס צוויי צעלקעס. זיי זײַנען אָפּט פֿאַרגעסן געוואָרן, פֿאַרשטומט. אַ מאָל גאַנצע טעג האָט איינע געכאַפּט אַ דרעמל אין אַ מאַנטל־קעשענע און די צווייטע געוואַלגערט זיך לעבן דעם סטאַנציאָנאַרן טעלעפֿאָן ווי אַ שלעכטער זיווג.

נועה האָט זיך ניט גערדאגהט. שוין פֿאַר טאָג האָט זי געלייענט אויף אַ נײַעס־וועבזײַטל, אַז אין דער טאַטע־מאַמעס געגנט איז קיין שום בנין ניט געשעדיקט געוואָרן. געוויינטלעך כאַפּט זי זיך אויף, ווען עס איז נאָך אַלץ טונקל אין דרויסן, און לאָזט איר מאַן כראָפּען נאָך אַ פּאָר שעהען אין בעט, כּדי צו האַלטן מיט איין טראָט ווײַטער איידער אירע ענערגישע קינדער וועלן פּראָדוצירן איין פֿאָדערונג נאָכן צווייטן.

עומרי האָט טעלעפֿאָנירט נאָר דער מאַמעס צעלקע, נאָך איין פּרוּוו אָנצוקלינגען דער אָפּגעבונדענער היים־ליניע. ער האָט זיך אין גאַנצן ניט פֿאַרלאָזט אויף דעם טאַטנס צעלקע, דאָס הייסט, אויף דעם טאַטן בכלל. ער האָט זיך געקענט פֿאָרשטעלן, אַז אויב די טאַטע־מאַמע ליגן איצט טאַקע אונטער בויברעך, וועט דער טאַטע יאָ ענטפֿערן און גאָר ניט זאָגן וועגן דעם, נאָר פֿרעגן זײַן זון, וואָס מאַכט זײַן כּלה, כאָטש מע האָט זיך געגט מיט זעקס

חדשים צוריק. אויך די מאַמע וועט אפֿשר ענטפֿערן פֿון אונטערן בויברעך, דערציילנדיק, אַז גראָד איצט ליגט מען אונטער בויברעך, אָבער אַז אַלץ איז אין אָרדענונג, כּל־זמן מע בלײַבט געזונט.

*

עומרי האָט געוווינט אין תּל־אָבֿיבֿ אין די לעצטע פּאָר חדשים, געאַרבעט לאַנגע שעהען און געזען די קינדער נאָר בײַם סוף וואָך אין זײַן דירה, ווו זיי האָבן געשלאָפֿן אַלע פֿרײַטיק אויף דער שמאָלער סאָפֿקע אָדער מיט אים אין אַ נײַעם טאָפּלבעט, וואָס האָט אים פֿאַרשאַפֿט שטאָלץ און האָפֿענונג ערשט ווען ער האָט זי געקויפֿט. ער האָט זיך איצטער דערמאָנט אין זײַנע קינדער־יאָרן, ווען ער פֿלעגט זען דעם טאַטן זעלטן, כאָטש די טאַטע־מאַמע האָבן זיך קיין מאָל ניט געגט. דעמאָלט איז דאָס לעבן געווען אַ סך פּשוטער, האָט ער געמיינט בשעת ווײַטער אָנקלינגען די טאַטע־מאַמע, וואָס זײַנען אפֿשר שוין טויט.

נאָך מיטאָג, ווען נועה און עומרי האָבן סוף־כּל־סוף דערגרייכט די טאַטע־מאַמע, איז דער שמועס געווען לאַנג און האַרציק. עומרי האָט פֿאַרשאָטן דליהן מיט וואַרעמע ווינטשעוואַניעס, און נועה האָט אויך גערעדט נאָר מיט דער מאַמען, געפֿרעגט שטרענג צענדליקער פֿראַגעס וועגן ערד־ציטערניש, בניס האַרץ און זײַנע רפֿואות, די שכנים, דאָס עסן, און געדאַרפֿט אַוועקלייגן צוליב איר אַרבעט אײדער זי האָט אויך געפֿרעגט די מאַמע וואָס איז דער מער, ווײַל זי האָט באַמערקט, אַז איר קול איז געוואָרן ציטערדיק.

ווי ס'רובֿ שוועסטער־ברידער אין נועה און עומריס עלטער און מצבֿ, האָבן זיי געטראַכט וועגן דער טאַטע־מאַמעס דירה מיט אַ סך האָפֿענונג און ביטחון. דער געדאַנק, אַז די אַלטע טאַטע־מאַמע האָבן זייער אייגן אָרט אין אַ גוטער געגנט אין ירושלים, האָט ניט נאָר באַרויִקט דעם יונגען דורס פּחד פֿאַר זייער זיקנה, נאָר אויך צוגעזאָגט אַ וואָגיקע ירושה. דער געדאַנק, אַז פֿריִער אָדער שפּעטער מוזן די טאַטע־מאַמע דאָך שטאַרבן, איז געווען אַ טרייסט פֿאַר אַלעמען. נאָר אַ דירה מוז זײַן, און ווי נאָר מע האָט זיך פֿאַרזיכערט, אַז די דירה און די טאַטע־מאַמע זײַנען געבליבן גאַנצערהייט, האָט מען געקענט צוריקגיין צו די טאָג־טעגלעכע דאגות.

*

ברענג מיר נאָך זאַלץ! האָט בני געזאָגט דליהן יענעם אָוונט, איידער זייער פּראָגראַם האָט זיך אָנגעהויבן. זיי פֿלעגן עסן בשעת קוקן טעלעוויזיע, פֿאַרגעסנדיק דעם אייגענעם צעקײַען־טומל. אַלע מאָל, ווען זייער פּראָגראַם האָט זיך ערשט אָנגהויבן, אָדער בשעת די פֿריִערדיקע רעקלאַמעס פֿאַר צײַנפּאַסטע, פֿלעגט דליה זיך אַרומדרייען אינעם קיינעמסלאַנד צווישן דער קיך און דעם עסטיש, פֿון וואַנען מע האָט געהאַט אַ גוטן קוקווינקל אויף דעם עקראַן, און וואַרטן אויף איר מאַנס לעצטע פֿאָדערונגען. דער איבערגאַנג פֿונעם עסטיש צום סאָפֿקע איז פֿאָרגעקומען כּסדר צווישן דער מעלאָדיע פֿון דער פּראָגראַם און דעם לייטערס ערשטע באַגריסונג-ווערטער, ווען בני האָט באַמערקט, אַז די טעלעוויזיע איז אים צו ווײַט. אַזוי האָט מען דערלאַנגט אַ זעטיקע וועטשערע אויך די סאָפֿקע־מוראַשקעס, וואָס זײַנען אַרויסגעקראָכן פֿון די קישנס נאָך מעריבֿ.

בני און דליה האָבן געהאַט אַ נאָרמאַלע, קעגנזײַטיקע קנעכטשאַפֿט־באַ-ציִונג. דליה האָט געהיט בני ווי אַ ייִנגל, און בני האָט געהיט דליה ווי אַ קליינע פֿרוי, וואָס דאַרף אַ ייִנגל. די טראַגיק פֿון זייער בשותּפֿותדיק לעבן איז אָבער געשטאַמט פֿון דעם, וואָס זיי האָבן זיך ניט גענוג ליב געהאַט כּדי צו זײַן גליקלעך, נאָר אויך ניט גענוג פֿײַנט געהאַט כּדי אַוועקצוגיין פֿון דעם האַלב־ביטערן, האַלב־אומבטעמטן לעבן.

דער מין באַציִונג האָט זיך געכּפֿלט בײַ די אַמאָליקע בני־בית. נועה האָט ניט בפֿירוש ליב געהאַט איר מאַן, אפֿשר נאָר אין אָנהייב, לאַנג פֿאַר דער חתונה. אין משך פֿון זיווג־לעבן האָט יעדער באַזאָרגט דעם צווייטן מיט כּלערליי דינסטן, וואָס שייך עסנוואַרג, ווינדלעך, רייניקונג און דערציִונג, כאָטש נועה איז געווען די הויפּט־צושטעלערין פֿון דינסטן, צי לכל־הפּחות די פֿאַרוואַלטערין. מיט יעדן קינד האָט נועה נאָך ווייניקער ליב געהאַט דעם מאַן. איצט האָט זי אים דרײַ מאָל ווייניקער ליב געהאַט, און באַשלאָסן אויסצומײַדן אַ פֿערטע ירידה, ווײַל דעמאָלט וועט זי דאַרפֿן אַרויסטרײַבן דעם מאַן, און פֿיר קינדער זײַנען דאָך צו פֿיל פֿאַר איין פֿרויס פּרנסה, כאָטש זי אַרבעט אין הײַ־טעק.

עומרי האָט ניט געוואָלט פֿירן אַ לעבן מיט אַ פֿרוי, וואָס ער האָט ניט ליב. ער האָט יאָ געבענקט נאָך פֿאַרליבן זיך דאָס ערשטע מאָל מיטן גאַנצן האַרצן. אָבער פֿאַר דעם איז ניט געבליבן קיין צײַט. ער האָט געאַרבעט לאַנגע שעהען כּדי צו באַצאָלן קינדערגעלט און תּל־אָבֿיבֿער דירה־געלט, און געבליבן צו

אָרעם כּדי צו זײַן צוציִענדיק פֿאַר פֿרויען, ווײַל ער האָט דאָך ניט געאַרבעט אין הײַ־טעק.

*

זייער פּראָגראַם האָט זיך אָנגעהויבן. דער לייטער האָט אַ שמייכל געטאָן צו זיי, ברייט און יושרדיק, מיט אַ ריי ווײַסע, בלענדנדיקע ציין, סודותפֿול און ניט דערזאָגנדיק פֿאַר וואָס איז ער אַזאַ גליקלעכער.

יענער אָוונט, האָט דער לייטער געדעדט פּלוצעם גאָר ערנסט, אָבער נאָך אַלץ שמייכלענדיק מיט די אויגן. - אונדזערע הערצער, - האָט ער געזאָגט, - זײַנען מיט די קרבנות פֿונעם ערד־ציטערניש נעכטן בײַנאַכט. ער האָט געזאָגט עפּעס וועגן די הונדערטער משפּחות, וואָס זײַנען געבליבן אָן אַ היים און נאָך עפּעס וועגן הערצער. דליה האָט באַמערקט, אַז זי האָט ניט געטראַכט וועגן דעם ערד־ציטערניש זינט דעם שמועס מיטן זון און דער טאָכטער. בני האָט געטראַכט וועגן זײַן האַרץ, געפֿילט אַ קלאַפּעניש, וואָס ווערט אַלץ שטאַרקער, און אָפּגעלייגט דעם זאַלץ אין אַ זײַט. מען האָט נאָך אַ מאָל געשפּילט די פֿריילעכע מוזיק פֿון דער פּראָגראַם און אָנגערופֿן די קומענדיקע געסט: אַ יונגע זינגערין מיט אַ נײַעם דיסק וועגן נאַרקאָטיק און פּאָליטיק, אַן אַמאָליקער פֿינאַנץ־מיניסטער, וואָס איז אַרויס נאָך אַ יאָר אין תּפֿיסה, דער באַליבסטער אַקטיאָר אין ישׂראל, וואָס האָט געשפּילט אין אַ נײַעם זאָמבי־פֿילם, און צום סוף - אַ מאָדעלקע, וואָס וועט מיטברענגען איר הונט. דער אייער־סאַלאַט האָט גוט געשמעקט אויך מיט ווייניק זאַלץ, און די גרינסן האָט מען צעקײַט פּאַמעלעך, מיט האָפֿענונג.

*

דעם שלאָפֿצימער האָבן זיי זעלטן געזען אין משך פֿון טאָג. די צימערן פֿון די אַמאָליקע קינדער, דאָס הייסט, די אַמאָליקע קינדער־צימערן, האָט מען געזען אַלע צוויי וואָכן, ווען דליה האָט זיי גערייניקט אַ ביסל אײדער די רוימערקע איז אָנגעקומען, און גערופֿן בני צו העלפֿן מיט די מעבל, וואָס זײַנען צו שווער פֿאַר אַ זיבעציקיאָריקער פֿרוי.

אויך די רוימערקע איז געווען זיבעציק יאָר אַלט. דעם צווייטן פֿרימאָרגן נאָך דעם ערד־ציטערניש האָבן זיך בני און דליה אויפֿגעכאַפּט מיט אַ וועקער און געוואַרט אויף איר. זי איז געווען אַ קליינע, פּוישיקע פֿרוי מיט אַן אײַנגעהאַלטענעם שמייכל, וואָס האָט פֿאַרבאָרגן צוויי פֿעלנדיקע ציין אויף

דער רעכטער זײַט פֿון מויל. דעם טאָג איז געווען דאָס ערשטע מאָל, ווען זי האָט זיך פֿאַרשפּעטיקט, און בני מיט דליה זײַנען געוואָרן אומגעדולדיק. מע האָט שוין געדאַרפֿט אויסקערן יענע שערבעלעך, וואָס זיי האָבן ניט געקענט כאַפּן אַליין. נעכטן האָבן זיי געטראַכט דעם גאַנצן טאָג וועגן ניט גיין באָרוועס. זיי זײַנען קיין מאָל ניט געגאַנגען באָרוועס, אָבער איצט האָבן זיי געמוזט דאגהן וועגן דעם.

די רוימערקע האָט ניט געענטפֿערט, ווען זיי האָבן טעלעפֿאָנירט צו איר. זיי האָבן געוואַרט נאָך איין שעה און טעלעפֿאָנירט נאָך אַ מאָל. נאָך אַלץ האָט זי ניט געענטפֿערט. צוועלף אַ זייגער האָט מען אײַנגעשלאָסן ראַדיאָ. שוין נאָך די ערשטע קלאַנגען פֿון דער נײַעס־מעלאָדיע האָט זיך דליה דערמאָנט, אַז די נעכטיקע נײַעס האָבן רעפּאָרטירט וועגן אַרום זיבן הונדערט מתים אין שואַפֿאַט, נאָך פֿינף הונדערט פֿאַרפֿאַלענער און פֿיר הונדערט משפּחות, וואָס זײַנען געבליבן אָן אַ היים. די רוימערקע איז פֿון שואַפֿאַט, האָט דליה געזאָגט, אָן צו דערקלערן, פֿאַר וואָס דערמאָנט זי דאָס דווקא איצט, ווען מע וויל הערן די נײַעס. זי האָט געוואָלט זאָגן דעם רוימערקעס נאָמען, אָבער זי איז קיין מאָל ניט געווען זיכער, ווי אַזוי מע זאָל אים אַרויסריידן, און צומאָל פֿלעגט זי אים פֿאַרגעסן אין גאַנצן.

*

אין משך פֿונעם טאָג האָט מען אויפֿגעראַמט אַליין. בני און דליה האָבן ניט געהאַט קיין חשק צו הערן אָדער לייענען מער נײַעס, און אַלע מאָל, ווען די מוזיק פֿון ראַדיאָ האָט זיך איבערגעהאַקט צוליב אַ ראַפּאָרט, האָט בני פֿאַרדרייט דעם ראַדיאָ אָדער געזוכט אַ סטאַנציע אָן גערייד. גלאָז־שפּליטערס, וואָס זײַנען נאָך געבליבן אויף דער פּאָדלאָגע, האָט מען אויסגעקערט און געשטופּט אונטער דער סאָפֿקע, און דאָרטן האָבן זיי געבלישטשעט ווי כיטרע זילבערפֿיש אין אַ ים פֿון שטויב.

די באמתדיקע זילבערפֿיש האָבן זיך באַזעצט אין דער דירה שוין מיט צענדליקער יאָרן צוריק, און זינט די וואַכיקע קינדער זײַנען אַוועקגעגאַנגען, האָבן גאַנצע דורות זילבערפֿיש געלעבט בשלום אין טונקלע געמיטלעכע ווינקעלעך, וואָס די רוימערקע האָט פֿאַרגעסן מיט בכּיוונדיקער פֿוילקייט.

די דירה איז געווען פֿול מיט אָפּגעריסענער הויט פֿון צוויי, און לעצטנס דרײַ דורות לעווקאָוויטשעס. די פּאָדלאָגע און דער טעפּעך, קיין מאָל ניט גערייניקט געוואָרן מיט התמדה, זײַנען געווען באַשאָטן מיט קליינטשיקע

הערעלעך, שטיקלעך הויט, נעגל־אויסשניטלעך און פֿאַרשיידענע אַבסטראַק־טע געשטאַלטן פֿון פֿאַרגליווערט סמאָרקעכץ. דאָס אַלץ איז געווען אַ וואַזשנע אַכילה, אַ דעליקאַטעס פֿאַר די זילבערפֿיש, וואָס האָבן זיך פֿאַרבאָרגן אין ווינקל־בית־מדרש בײַטאָג און געגעסן טעג בײַנאַכט. זייערע לאַנדסלײַט אין אַנדערע, ווייניקער אָפּגעלאָזענע דירות, האָבן ניט געהאַט קיין ברירה און געפּאַשעט זיך פֿון ביכער, אַפֿילו פֿון נײַע און האַרטע, כּמעט אין גאַנצן טרוקענע, כּל־זמן מע האָט זיי ניט געלייענט.

נאָר דאָ זײַנען געווען כּמעט נאָר אַלטע, ווייכע און כראָמטשעדיק־זיסע ביכער, אויסגאַבעס, וואָס הײַנט געפֿינט מען נאָר בײַ די סאַמע פֿאַרשטיקטע אַנטיקוואַרן. בײַ דער משפּחה לעווקאָוויטש זײַנען די ביכער געווען אַ טעריטאָריע אויסשליסלעך פֿאַר די מעבל־כרושטשעס, וואָס האָבן פֿאַר־שפּרייט זייערע אייער ווי ניקוד און טעמים. דער עיקר האָבן געוווינט דאָרטן זייערע לאַרוועס, וואָס האָבן געכראָמטשעט ווי גרויסע יודעי־ספֿר.

*

נועה האָט טעלעפֿאָנירט נאָך מיטאָג, בשעת נעמען איר טאָכטער פֿון קינדער־גאָרטן. זי האָט פֿאָרגעלייגט דליהן זיך איבערצוציִען צו איר אַהיים אין פּרדס־חנה אויף אַ פּאָר טעג, כּדי זיי זאָלן זיך אָפּהיטן פֿאַר אַ צווייטלעך ערד־ציטערניש. בני, וואָס האָט געהערט דעם שמועס דורך דעם הילכער פֿון טעלעפֿאָן, האָט רעאַגירט מיט ביטולדיקע הענט, כאָטש איידער דליה האָט געהאַט אַ געגלעגנהייט זיך אָפּצוזאָגן, האָט איר אייניקל געוואָלט עפּעס פֿון נועה, און נועה האָט געדאַרפֿט אַוועקלייגן דעם שמועס, זאָגנדיק, אַז זיי זאָלן טראַכטן וועגן דעם און טעלעפֿאָנירן איר צוריק אין אַ שעה אַרום. נועהס קליינע טאָכטער און נאָך קלענערע צוויי זין האָבן פֿאַרשאַפֿט אַ גוטע גלײַכוואָג פֿון היסח־הדעת אין באַציִונגען מיט די טאַטע־מאַמע, און על־כּל־פּנים זײַנען דליה און בני געווען צען מאָל זיסער אַלס באָבע־זיידע. אַ מאָל האָט נועה געמיינט, אַז ווי אַ מאַמע איז זי צו שטרענג, און עס האָט איר וויי געטאָן, אַז ס'איז ניטאָ נאָך אַ דור צווישן איר און אירע ייִנגלעך, כּדי זי זאָל זײַן מסוגל זיי ליב צו האָבן ווי נאָר אַ באָבע מעג.

דליה און בני האָבן געטראַכט וועגן דעם, געגעסן מיטאָג און געכאַפּט אַ דרעמל כּמעט ביז די אַכט אַזייגער־נײַעס אין אָוונט. דעמאָלט האָט בני גערעדט מיט נועה, נאָך דעם, ווי זי האָט טעלעפֿאָנירט דרײַ מאָל נאָכאַנאַנד, און ער האָט זיך פֿעסט אָפּגעזאָגט.

דליה האָט טעלעפֿאָנירט צו עומרי און געענטפֿערט אויף אַ לאַנגער ריי פֿראַגעס, וואָס ער האָט ניט געפֿרעגט. יאָ, זיי האָבן גענוג וואָס צו עסן, - האָט אים דליה פֿאַרזיכערט, דער בנין שטייט נאָך אַלץ, מע הערט ראַדיאָ אַ גאַנצן טאָג און מוזיק, דאָס טוט זיי גוט, די זון איז גוט אין אָקטאָבער, מע דאַרף אַרויסגיין כאָטש איין מאָל יעדן טאָג, נאָר וויטאַמינען דאַרף מען נעמען סײַוויסײַ, זי האָט ניט גערעדט מיט די שכנים, אָבער די שכנטע פֿון אונטן וואָלט מסתּמא גערעדט מיט איר, אויב עפּעס וואָלט געשען, זי איז אַן אַלמנה און רעדט ניט מיט די קינדער, אָדער אפֿשר רעדן זיי ניט מיט איר, אפֿשר איז עס שוין צו שפּעט כּדי צו בײַטן דאָס לעבן, דאָס הייסט, בײַ דער שכנטע, מיט דער רוימערקע האָט זי אויך ניט געקענט רעדן, אַוודאי האָט זי געפּרוּווט, זי ווינט דאָך אין מיזרח־ירושלים, דאָרטן איז אַלצדינג חרובֿ געוואָרן, צוליב דעם ערד־ציטערניש אַוודאי, זי ווייסט ניט, וואָס איז געשען מיט איר, יאָ, זיי האָבן אַ רוימערקע, יאָ, שוין צען יאָר, יאָ, - האָט דליה געזאָגט, כאָטש איר קאָפּ האָט זיך געשאָקלט אויף ניין.

*

זייער פּראָגראַם האָט זיך אָנגעהויבן. זיי האָבן פֿאַרענדיקט די טעלעפֿאָן-שמועסן מיט גענוג צײַט פֿריִער, כּדי צוצוגרייטן די וועטשערע – ברויט מיט צוואָרעך, מאַרינירטער הערינג און גרינסן. דליה האָט געברענגט זאַלץ אויך אָן בניס בקשה, און אויף איר וועג צוריק פֿון דער קיך, האָט זי געדאַרפֿט זיך אומקערן, ווײַל בני האָט געבעטן אַ גלאָז וואַסער. דער הערינג איז אים געווען צו זאַלציק.

די מוזיק איז זיי ניט געפֿעלן דאָס מאָל. דאָס איז געווען אַ גרופּע מוזיקערס, וואָס האָבן געשפּילט די באַקאַנטע לידער פֿון מיליטערישער קאַ-פּעליע אין נײַע, זענפֿטיקע ווערסיעס. פֿאַר דעם האָט מען געפֿירט אַן אינטערוויו מיט אַן דזשודאָיסט אָן אַ פֿוס, און דערנאָך - אַן אינטערוויו מיט אַ ספּעציאַליסטקע פֿאַר געאָלאָגיע. זי האָט גערעדט וועגן אַ פֿענאָמען, ווען די ערד ווערט פֿליסיק. נאָכן איבערגאַנג פֿון עסטיש צו סאָפֿקע האָט דליה ניט געקענט הערן דער ספּעציאַליסטקעס דערקלערונג ביזן סוף, שוין פֿון אָנהייב אָן האָט זי אַ ביסל געדרעמלט, און איצט האָט זיך איר געחלומט, אַז זי האַלט זיך אויפֿן וואַסער מיט בני, און דאָס וואַסער איז געמאַכט פֿון פֿליסיקן בעטאָן, און בני זאָגט איר, אַז עס זײַנען דאָ נאָך שפּליטערס און פֿאַר וואָס גייט זי באָרוועס.

זי האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן, אַראָפּגעקוקט צו איר פֿאַנטאָפֿל און געקוקט ווײַטער אויף דער טעלעוויזיע. דער לייטער פֿלעגט ענדיקן די פּראָגראַם מיט אַ דבֿר־צדקה, וואָס איז אָפֿטמאָל געווען פֿאַרבונדן מיט ראַק אָדער קינדער אָדער אַ שפּיטאָל מיט אַ ראַק־אָפּטייל פֿאַר קינדער. דעם אָוונט איז אָנגעקומען אין סטודיע אַ יונגע פֿרוי פֿון אַ ירושלימער אָרגאַניזאַציע און דערציילט וועגן דעם ערד־ציטערניש מיט אַ רחמנותדיקן שמייכל. דליה האָט אויפֿגעשפּיצט די אויערן, ווען די יונגע פֿרוי האָט דערמאָנט שואַפּאַט, דערציילנדיק, אַז מע זוכט איצטער אַ היים פֿאַר פֿיר הונדערט משפּחות. זיי וואָלטן געווען זייער דאַנקבאַר, אויב מע קען בײַשטײַערן דער אָרגאַניזאַציע פֿאַר אָט דעם פּראָיעקט – מיט געלט, אָדער אַפֿילו דורך אויפֿנעמען אַ משפּחה, אויב מע האָט אָרט, צו זיך אין דער היים. דליה האָט אָפּגעלעקט אַ רעשטל צוואָרעך פֿון די ליפּן. די אידעע איז איר תּיכּף געפֿעלן, כאָטש איר קאָפּ האָט זיך געשאָקלט אויף ניין.

*

נו, אין די קינדער־יאָרן איז עס געווען גאָר נאָרמאַל, אַז צוויי משפּחות וווינען אין איין דירה – דאָס איז געווען דער אַרגומענט, וואָס האָט בני גלײַך איבערגעצײַגט. דליה האָט ניט דערמאָנט די רוימערקע. זי האָט געמיינט, אַז בעסער זאָל מען לאָזן בני פֿאַרזינקען אין וואַרעמע זכרונות. אין זײַנע קינדער־יאָרן האָט קיינער ניט געהערט וועגן אַזאַ זאַך ווי אַ רוימערקע, נאָר בלויז וועגן אַ דינסט בײַ די עשירים אָדער פּשוט אַ מאַמע.

דליה איז אַלע מאָל געווען טשיקאַווע צו וויסן, ווי זעט אויס אַ לעבן פֿון אַ גבֿירס פֿרוי. מיידלווײַז פֿלעגט זי לייענען איבערגעזעצטע ראָמאַנען וועגן ענגלישע אַריסטאָקראַטן. ווען זי האָט זיך פּענסיאָנירט, האָט זי גענומען די עפּעס צעפֿרעסענע ביכער פֿון פּאָליצע, אַ בלעטער געטאָן און זיך אויסגעמאָלט, אַז די פּענסיע איז אַ מין עקספּערימענט אין אַדל, און אויב זי וועט באַווײַזן, אַז זי איז אַ מתמידה וואָס שייך טרינקען טיי פֿיר אַזייגער און אויספּוצן און שמינקען זיך אַפֿילו ווען זי בלײַבט אין דער היים, וועט זי זיך לכל־הפּחות פֿילן ווי אַן אויפֿגעקומענע גבֿירה. נאָר באַלד איז זי געוואָרן צו מיד פֿאַר אויספּוצן זיך און פֿאַר טיי, און שמינקען האָט זי זיך געשמינקט נאָר אויף אַ חתונה אָדער אַ וויזיט בײַם נעוראָלאָג.

בני האָט ניט געהאַט קיין איידלדיקע פּלענער פֿאַר זײַן פּענסיע. ער האָט בלויז געוואָלט רעמאָנטירן די דירה אַליין און פֿאַרשרײַבן זיך אויף אַ

סטאָלערײַ־קורס כּדי ער זאָל קענען רעמאָנטירן די דירה אַליין, נאָר ער איז אויך געװוען צו מיד. װען דליה איז געװאָרן צו מיד כּדי אױפֿצוראַמען אַליין, האָט ער תּיכּף מסכּים געװוען אָנצונעמען אַ רוימערקע, כאָטש ער האָט אַלע מאָל געמיינט, אַז דאָס מאַכט מענטשן צעבאַלעװעט. נאָר איצט איז ער שוין דערװאַקסן געװאָרן, און געטראַכט, אַז אפֿשר מעג מען יאָ װערן צעבאַלװעט, אויב מע איז שוין ניט מער קיין קינד. דער עיקר איז ער געװוען מיד, ביידע זײַנען זיי געװוען מיד, און ער האָט געהאַט אַ שטילע האָפֿענונג, אַז אויב מע װעט געבן אַ משפּחה פֿון שואַפֿאַט אַ דאַך איבערן קאָפּ, װעט די משפּחה זיי אָפּדינען די טובֿה און לכל־הפּחות אויפֿראַמען.

*

אינעם דריטן טאָג נאָך דעם ערד־ציטערניש האָבן זיי באַשלאָסן דאָס טאַקע צו מאַכן. אינעם פֿערטן טאָג האָט זיך דליה געשטעלט אין פֿאַרבינדונג מיט דער אָרגאַניזאַציע. אין די קומענדיקע דרײַ טעג האָט זי אָפּגעלייגט אויספֿילן די פֿאָרמולאַרן, װאָס די אָרגאַניזאַציע האָט זיי געשיקט. דערװײַל האָט זי טעלעפֿאָנירט די קינדער כּדי זיי איבערצוצײַגן, דאָס הייסט, זיך איבערצוצײַגן. נועה איז געװוען צו שאָקירט, און ערשט נאָך דעם שמועס, האָט זי גענומען דאגהן װעגן װאָס װעט װערן פֿון איר זיסן קינדער־יאָרן־צימער, און דערנאָך װעגן אַ קאָנפֿליקט צװישן די טאַטע־מאַמע און דער נאָך אומבאַקאַנטער משפּחה פֿון שואַפֿאַט – װאָס װעט זײַן, אויב דער משפּחה װעט עס שטערן, אַז איר מאַמע איז ניט געװונג צניעותדיק פֿאַר די מוסולמענער? װאָס װעט זײַן, אויב זיי זײַנען גנבֿים, אָדער פֿאַרשטעלטע טעראָריסטן? זי איז ניט קיין ראַסיסטקע, אָבער אַזעלכע זאַכן מוז מען נעמען אין באַטראַכט. זי האָט ניט גערעדט מיט דער מאַמען װעגן דעם, האָפֿנדיק און גלייבנדיק, אַז די מאַמע מאַכט דעם זעלביקן חשבון.

עומרי איז ניט װייניקער געװוען אין שאָק, און איידער ער האָט געקענט זיך אָפּרופֿן אויף דער אידעע, האָט די מאַמע אים געענטפֿערט, אַז פֿאַרשטייט זיך, װעט זיך די אָרגאַניזאַציע פֿאַרזיכערן, אַז די נײַע בני־בית װעלן ניט זײַן קיין טעראָריסטן, אַז דער פּראָצעס איז זיכער און עס װעט נעמען נאָך אַ ביסל צײַט, ביז מע װעט אַ קוק טאָן אויף די פֿאָרמולאַרן, װעלכע זי װעט שיקן אין גיכן, מע טאָר ניט פּטרן קיין צײַט, דאָס איז אַ בירגערלעכע פֿליכט, און זײַן און נועהס צימערן װעלן בלײַבן אין אַ גוטן מצבֿ, עס איז טאַקע בעסער ניט צו לאָזן אַ צימער ליידיק, אַזוי קומען אַרײַן כּלערליי מזיקים, אַ מאָל האָט זי

געהערט עפּעס וועגן דעם אין אַ שמועס־פּראָגראַם אין דער פֿרי, זי גלייבט ניט אַלצדינג, וואָס מע זאָגט אין טעלעוויזיע, נאָר דאָס האָט געמאַכט אַ רושם אויף איר, אַ מאָל איז עס געווען גאָר נאָרמאַל, אַז צוויי משפּחות וווינען אינאיינעם, און אויך דעם טאַטן וועט עס ניט שאַטן צו זען אַנדערע מענטשן יעדן טאָג, כאָטש אין דער היים איז עס אַ ביסל צו נאָענט, יאָ, ס'קען זײַן אָנגעפּאַקט, מילא, זיי האָבן אַ טיפֿן שלאָף, און נו, די משפּחה וועט צום סוף צוריקקומען אין איר אַלטער היים אָדער באַקומען אַן אַנדערע, בעסערע היים.

*

בײַנאַכט האָבן די לעצטע זומער־קאָמאַרן געזויגט לעצטע טראָפּנס בלוט פֿון בני און דליה, געשיכּורט זיך ווי לוט, איידער די קאַלטע ירושלימער ווינטן וועלן זיי אַוועקטרײַבן. אין דער פֿרי האָט בני ניט באַמערקט די רויטע פֿלעקן אויף זײַן הויט, אויך געוויינטלעך האָט ער זיך געקראַצט דאָ און דאָרט אַלס אַ צײַטפֿאַרברענג. דליה האָט זיך געקראַצט מוראדיק מיטן געדאַנק, אַז דאָס איז אַ סימן פֿאַר אַ הויט־קראַנקהייט, אָדער אַפֿילו ראַק. די שיכּורניצעס, דאָס הייסט די קאָמאַרן־נקבֿות, האָבן גענוצט די פֿרישע בלוט כּדי צו פּראָדוצירן זייערע אייער על־חשבון־הגבֿיר, און האָבן געזאָגט אַ תּפֿילה־בלחש, אַז עס וועט אויפֿקומען אַ נײַער דור איידער עס ענדיקט זיך דער הייסער האַרבסט.

אַ מאָל האָט דליה געהערט דעם קלאַנג פֿון טעלעפֿאָן און דערפֿילט זיך מאָדנע פֿאַרלײַכטערט, ווען זי האָט ניט געהערט פֿון טרײַבל דער רוימערקעס קול און ניט עפּעס אַ בעל־טובֿה פֿון אַן אָרגאַניזאַציע. די צעלקע האָט זי פֿאַרגעסן שוין לאַנג אין אַ שופֿלאָד אין דער קיך, דעם זעלביקן טאָג ווען זי האָט געשיקט דעם פֿאָרמולאַר. זינט דעמאָלט האָט זי געוואַרט אויף אַ מעלדונג לגבי ווען, און ווער. פֿאַרוואָס קלינגט מען ניט אָן? לכל־הפּחות איין פּרט וואָלט זי געוואָלט וויסן אַזוי פֿרי ווי מעגלעך, האָט זי געענטפֿערט בני, ווען ער האָט גאָר ניט געפֿרעגט.

די קאָמאַרן־נקבֿות האָבן געלייגט זייערע אייער אין וואַשצימער, אין וואַסער, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמעלט אינעם גלאָז מיטן פּאָר ציינבער־שטעלעך. פֿריִער פֿלעגט די רוימערקע וואַשן דעם גלאָז, וווּ ס'האָבן זיך אָנגעזאַמעלט אויך שימל און רעשטלעך עסן. אין יענע טעג האָט די רוימערקע ניט געוווּסט, צוליב וואָס איז דאָס געווען פֿאַר איר דער ערגסטער טייל פֿון דער אַרבעט, אָבער אַלע מאָל האָט זי זיך שטאַרק געמיאוסט האַלטנדיק דאָס גלאָז, וואָס זאָגט עדות וועגן אַמאָליקע מאָלצײַטן.

*

די קינדער האָבן צוגעזאָגט, אַז באַלד וועלן זיי קומען צו גאַסט מיט די אייניקלעך. זיי האָבן דערמאָנט דעם געפּלאַנטן וויזיט אין יעדן טעלעפֿאָן-שמועס, אָבער דערווײַל זײַנען אַלע געווען צו פֿאַרנומען, אַפֿילו די באָבע־זיידע מיט זייערע נײַע פּלענער, צוגרייטנדיק די שטוב פֿאַר אַ צווייטער משפּחה, צי גרויס צי קליין, צי העפֿלעך, צי ווילד. מע האָט געדאַרפֿט צוגרייטן אָן אַ שיעור זאַכן, מער ווי געפֿינען צוגאָב־מאַטראַצן, קויפֿן אַ נײַעם סערוויז און וואַרטן אויף אַ טעלעפֿאָן פֿון דער אָרגאַניזאַציע.

בני האָט געהאַט נאָר איין פֿראַגע: וואָס וועט זײַן מיט דעם פּריוואַטן לעבן?

אַ גוטע פֿראַגע, - האָט דליה געמיינט, און געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין.

זיי האָבן פֿאַרענדיקט זייער באַשיידן אָנבײַסן, און דליה האָט אַ לאַנגן טראַכט געטאָן בשעת קאָכן אויף מיטאָג. קאָמאַרן און פֿליגן האָבן נײַגעריק געזשומעט אַרום איר אין דער טונקעלער קיך, זיי זײַנען אָנגעקומען ווי מרגלים און חוקר־ודורש געווען לגבי דליהס וואַרעם בלוט און שווייס און דעם שיינעם מיסטקאַסטן, וואָס זי וועט פֿאַרגעסן צו פֿאַרמאַכן.

נאָך מיטאָג האָט זי געענטפֿערט בני אויף אַ פֿראַגע, וואָס ער האָט שוין פֿאַרגעסן, און אָנגעזאָגט, אַז מע וועט זיך לערנען ייִדיש. אין די קינדער־יאָרן האָט מען גערעדט ייִדיש לעבן זיי, האָט זי דערקלערט, כּדי זיי זאָלן ניט פֿאַרשטיין. אַזוי האָבן זייערע טאַטע־מאַמעס געפֿירט אַ פּריוואַט לעבן, און זיי פֿלעגן זיך קיין מאָל ניט באַקלאָגן.

בני האָט געקוקט אויף איר און געקראַצט זיך הינטערן אויער. נו, מע רעדט שוין אַ ביסל ייִדיש, ער האָט געכאַפּט שוין אַ פּאָר ווערטער און אויסדרוקן, האָט ער געזאָגט, און גענומען אויפֿציילן אַ רשימה פֿון זײַן זיכּרון.

גוט, האָט דליה איבערגעהאַקט זײַן רייד און געפֿילט זיך מונטער ווי זי האָט זיך ניט געפֿילט שוין לאַנג.

*

זייער פּראָגראַם האָט זיך אָנגעהויבן. נאָך אַן אינטערוויו מיט אַ געוועזענעם שעף פֿונעם גענעראַל־שטאַב וואָס איז הײַנט אַ הויפּט־עקזעקוטיוו פֿון אַן אָנלײַן־פֿליִערשול, איז געקומען צו גאַסט אַ פֿאָרשערין פֿון געאָלאָגישן אינסטיטוט. זי האָט געוואָרנט פֿאַר אַ צווייטן ערד־ציטערניש, וואָס קען

געשען בקרובֿ, און געזאָגט, אַז אַ שאָקל קען שאַטן אַפֿילו דעם סאַמע סטאַבילן בנין אויף אַזעלכע אופֿנים, וואָס זענען שווער זיך פֿאָרצושטעלן. למשל, האָט זי דערציילט, אַ מאָל בלייַבט אַ בנין גאַנץ, נאָר עפּעס אַ וועספּננעסט פֿאַלט אַראָפּ פֿון דאַך, און מיט אַ מאָל ווערן אַלע דירות פֿאַרפּעסטיקט. אָבער תּיכּף האָט זי געדאַרפֿט אָפּרעדן, ווייַל דער לייטער האָט זי איבערגעהאַקט מיט אַ וויץ, און באַלד האָט מען שוין באַגריסט אַ היפּ־האָפּ־טאַנץ־קאַפּעליע, וואָס איז אָנגעקומען מיט אַ פֿאָרשטעלונג לכּבֿוד ראָש־השנה.

דליה איז צעטרייסלט געוואָרן דורך דער דערמאָנונג פֿון ראָש־השנה. זי האָט פֿאַרגעסן אין גאַנצן, אַז אין אַ פּאָר טעג אַרום דאַרף מען קויפֿן פֿיש, האָניק און עפּל, אויפֿראַמען ניט נאָר פֿאַר אַ נייַער משפּחה, נאָר אויך פֿאַר דער אייגענער משפּחה. די אייניקלעך! האָט זי זיך דערמאָנט, און ס'זייַנען איר איינגעפֿאַלן שאָקאָלאַד, צוקערקעס און שפּילעכלעך, און דאָס פּלאַסטיק־טישל, וואָס זי דאַרף באָרגן פֿון דער שכנטע, כּדי די אייניקלעך זאָלן האָבן זייער אייגן אָרט צו שפּילן זיך און אויסמאָלן אין פֿאַרבהעפֿטן, און פֿאַרבהעפֿטן מוז זי אויכעט קויפֿן, און קאָלירן, פֿארשטייט זיך, ניט־סמיקע, פֿאַר די קליינע.

זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין, שלעפֿערדיק און פֿאַרזאָרגט, און געזאָגט בני, אַז זי גייט זיך שוין אַוועקלייגן, ער זאָל אַראָפּדרייען די טעלעוויזיע, אַ גוטע נאַכט, נאָר אין יענעם מאָמענט, ווען זי האָט גענומען פּוצן די ציין, זייַנען אויפֿגעקומען פֿון אָפּגאָס אַרויס אַ גרויסע מחנה וועספּן, און איידער זי האָט געקענט אַפֿילו אַ טראַכט טאָן וועגן אַנטלויפֿן, זייַנען די וועספּן צוגעפֿלויגן דירעקט צו איר פּנים. זי האָט דערוואַרט הונדערט שטאָכן, אָבער געפֿילט בלויז זעקס הונדערט קליינטשיקע פֿיס צודעקן איר די באַקן, די נאָז, דעם שטערן, די אויערן. זיי זייַנען ניט אַרייַן אין איר מויל, און האָבן ניט קיין שטאָך געטאָן אין אירע אויגן. זי האָט געקענט עפֿענען די אויגן פּאַמעלעך און זען זיך אין שפּיגל, נאָר ניט דערקענט דאָס פֿאַרשטעלטע פּנים – אַחוץ די בלוי־גרויע אויגן און די בעזש־געלע ציין – אין איר נייַער, זשומענדיקער מאַסקע, און האָט געוואָלט זיך צעשרייַען, שרייַען געוואַלד, אויסרופֿן צו בני, נאָר אין יענעם מאָמענט האָט זי זיך אויפֿגעכאַפּט לעבן אים אויף דער סאָפֿקע, און פֿאַר אירע אויגן האָט זי געזען די לעצטע טריט פֿון ראָש־השנה־טאַנץ, איבערגעטריבן סעקסועל און אַגרעסיוו, אין ווייַסע האָראַ־קליידער.

*

די אָרגאַניזאַציע האָט נאָך ניט אָנגעקלונגען, אָבער נאָך די יום־טובֿים האָט זיך אָנגעהויבן דער ייִדיש־קורס אין דעם ראַיאָנישן קהילה־צענטער. אין איין פֿאַרנאַכט זײַנען בני און דליה אַרײַן אין אַ קלאַסצימער, וואָס האַלט אין פֿאַרפֿינצטערן. פֿריִער פֿלעגט דער צענטער, אַן אַמאָליקע גרונטשול פֿאַר טויבע, שטעלן אַרום וואַזעס מיט פֿרישע בלומען בײַם אָנהייב סעמעסטער. איצט זײַנען אַלע וואַזעס צעשמעטערט געוואָרן, און קעגן עיך־הרע האָט מען ניט געקויפֿט קיין נײַע.

בני און דליהס קלאַסצימער איז געווען שטויביק און ווײַס, ווי אַ וואַש-צימער אין אַ פֿאַרלאָזענעם האָטעל. אין מיטן האָט מען געשטעלט אַ ווײַסן טיש. צוויי פּלאַסטיק־שטולן לעבן דעם טיש האָבן טרויעריק געסקריפּעט, ווען די ביידע האָבן זיך אַוועקגעזעצט, און אַלע אַנדערע שטולן זײַנען געווען צעשפּרייט אין אַלע ריכטונגען, ווי אַ צעפֿלויגענער מנין. ווען די לערערקע און די אַנדערע אָנטיילנעמערס וועלן אַרײַנקומען, וועט מען צונויפֿשטעלן די שטולן אין אַ גראָדעק אַרום דעם טיש, אָדער אין אַ האַלבקרײַז פֿאַר דעם טיש. דליה און בני האָבן געוואַרט זיצנדיק, געטראַכט וועגן נײַע, נאָך אומבאַקאַנטע מענטשן און דעם מאַמע־לשון. אין עק צימער האָט זיך אַרומגעדרייט אַן אַלטע שפּין, אַן אַלמנה נאָך שלושים, אין אַ פֿרישן, אויסגעפּוצטן שפּינוועבס. זי האָט געוואַרט אויף אירע קינדער, דאָס הייסט, אויף יענע קינדער פֿון אַנדערע זשוקעלעך, וואָס וועלן אָנקומען פֿאַר נײַער הויט, עסן־קרישקעס, האָר און אויסשיידן, מיט וועלכע די מענטשן וועלן זיי מכבד זײַן.

בני און דליה, נאָך אַלץ אַליין אין צימער, וואַרטן אויף דעם אָנהייב פֿון זייער לעקציע. באַלד וועלן זיי זיך פֿאָרשטעלן – "איך בין בני לעווקאָוויטש", "איך בין דליה לעווקאָוויטש". דאָס איז אַלץ, וואָס זיי קענען זאָגן אויף ייִדיש. זיי האָפֿן, אַז זיי וועלן זיך לערנען כאָטש עפּעס אַ ביסל, איידער סע קומט דאָס קומענדיקע ערד־ציטערניש.

*פֿון: הערט אַ מעשׂה, אַנטאָלאָגיע, 2020*

*שירי שאַפּיראַ (1987) וווינט אין ירושלים און איז אויפֿגעוואַקסן מיט העברעיִש. האָט שטודירט אין דער העברעיִשער אוניווערסיטעט. פֿאַרגאַנגע-נעם יאָר האָט זי אינווענטאַריזירט דעם אַרכיוו פֿון דיכטער בינעם העלער*

*(1998-1908) אין דער ישׂראל נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק. זעצט איבער פֿון דײַטש, ענגליש און ייִדיש. שרײַבט אויף העברעיִש און אויף ייִדיש (למשל אין מאזנים [Moznayim], ייִדישלאַנד און אויפֿן שוועל).*

A Dutch translation can be found in Grine Medine, No 77, Amsterdam, January 2022.
www.grinemedine.nl